STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04364

KDUSHEH U-GVUREH

Mosheh Mandelman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה מאַנדעלמאַן

קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון!

• • •

צום צענטן יאָר־צייט פון געטאָ־אויפשטאַנד
אין ווארשע

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגע

SANCTITY AND HEROISM, FAITH AND CONFIDENCE.

BY M. MANDELMAN

PRINTED IN THE
UNITED STATES OF AMERICA
1953

L. M. STEIN, PUBLISHER
CHICAGO, ILLINOIS
557

ל ז כ ר ו ן :

מיין טאַטן מרדכי מנחם מענדעל ב״ר שמואל ז״ל;

מיין מאַמען ברײַנדל נחמה בת הערש יוסף ז״ל;

מײַנע שוועסטער: שרה, חנה און פערל מיט זייערע
פרויען און קינדער.

מײַנע ברידער: מנשה, ישראל און דוד מיט זייערע
מענער און קינדער.

אַלע זיי זענען אומגעקומען דורך די היטלער־מערדער און מ׳ווייסט
אַפילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

י׳ ינקום דמם!

מ. מ.

מיר האָבן היי־יאָר אַ טרויעריקן יובילײ, ס׳ווערט צען יאָר זינט דעם באַרימטן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. מיר וועלן ווידער זיך צונויפקומען אויף פֿאַרזאַמלונגען, כדי מזכיר צו זיין די קדושים וטהורים, אונזערע טייערסטע און הייליקסטע, אונזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס, נאָענטע קרובים און שכנים — דאָס גאַנצע אויסגעהרגעטע פאָלק אין פוילן, ליטע, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, רומעניע אאַנ״ד — די זעקס מיליאָן יידן פאַרפייניקטע, דערשטיקטע און פאַרברענטע.

אַלע, אַלע זענען מיר היינט א ב ל י ם ! אַ פאָלק פון יתומים זענען מיר געוואָרן! ס׳איז דאָך נישטאָ היינט קיין איין לעבעדיקער ייד אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט פערזענלעך פאַריתומט זיין. יעדער פון אונז איז באַוועלטיקט פון יחידישן צער און צעווייטיקט פון דעם גרויסן בראָך, וואָס עס האָט געטראָפן דעם כלל — דעם גאַנצן יידישן פאָלק איבער דער וועלט.

ס׳איז דעריבער אונזער חוב, אין דידאָזיקע יאָרצייט־טעג, אויפצופרישן אין זכרון די יאָרן פון טויט־געראַנגל פון די מיליאָנען יידן אין די געטאָס, קאָנצענטראַציע־און פיין־לאַגערן; לאָמיר פרוּוון באַנעמען אין פולער מאָס די העלדישע קאַמפן פון אונזערע היינטצייטיקע שמשונס, חשמונאים און בר־כוכבאס. מיר דאַרפן אויך ציען אַ געהעריקן מ ו ס ר ־ ה ש כ ל, עפעס אָפלערנען פון דעם געשעענעם.

גרויסע קאַטאַסטראָפעס, טיפע אויפטרייסלונגען, אומבאַוועלטיקטער צער און פיין קאָנען אַריינוואַרפן, אַ יחיד ווי אַ כלל, אין יאוש, פאַרצווייפלונג, אָפגעלאָזנקייט, נאָכלעסיקייט, אָפּהענטיקייט און פאַרלוירנקייט.

מיר טאָרן נישט דערלאָזן דערצו! דידאָזיקע יזכור־טעג נאָך דער גרעסטער אכזריותדיקסטער פאַרלענדונג וואָס איז יידן באַ־

פאַלן, דאַרפן אונז דינען פאַר טעג פון חשבון־הנפש, אַריינקוקן טי־פער און גרונטיקער אין אונזער עבר, פאַרשן און וועלן פאַרשטיין דעם היסטאָרישן גאַנג פון יידישן פאָלק, אין משך פון יאָר־טויזנטער, צווישן די פאַרשידענסטע פעלקער און לענדער.

ס'איז אונזער חוב צו פּרווון אויסצוגעפינען די סודות, די מאָראַלישע כוחות, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם טראַגישן גע־ראַנגל פון דער שוצלאָזער מיליאָניקער עדה אין די געטאָס, בישט אונ־טערצוגעבן זיך דעם שונא, און קלאַמערן זיך אויפצוהאַלטן דאָס גע־פאַלענע פיזישע לעבן; צו דערזען, אין פולן ליכט, די ווונדערפולע גבורה און העלדישקייט פון די אקטיווע קעמפער אין די געטאָס און אין די וועלדער.

ווי אַ שליסל צו די דאָזיקע סודות וועט אונז דינען ווען מיר וועלן זיך קלאָר מאכן, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט יידיש פאָלק און יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע, אויפ'ן ברייטן שטח פוילן, ליטע, זאַמוט און וואָלין, וו ס'האָט זיך אין משך פון יאָרהונדערטער, אויס־געשטאַלטעט דער טיפּ ייד פון די לעצטע עטלעכע דורות. עס וועט דעמאָלט ממילא אויך שוין קלאָר ווערן פאַרוואָס דער ביטערסטער גזר פון היטלעריזם האָט זיך אויסגעגאָסן דוקא אויף די דאָזיקע יידן פון פוילן, ליטע אאַנ"ד.

אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָבן יידן שוין לאַנג, לאַנג אויפגעהערט אָנצוהאַלטן אַ נאַציאָנאַל־יידישן פּיר. די באַ־וווסטזיניקע ווי די אומבאַוווסטזיניקע צופּאַסונג־אַסימילאַציע האָבן אָפּ־געטויט, געמאַכט נאַציאָנאַל אימפּאָטענט די דאָזיקע יידישע קיבוצים. ס'האָט דאָרטן נישט געקאָנט געדייען אַ נאַציאָנאַל־יידיש לעבן; די פאַלשע מנהיגים דאָרטן האָבן געזוכט כלערליי תחבולות אויף אָפּ־צווישן, צו פאַרמאַסקירן דאָס יידישע פּנים.

דער נאַצישער שונא האָט, אין די דאָזיקע מערב־אייראָפּעאי־שע לענדער, באַלד ביי די ערשטע קלעפּ, וואָס ער האָט דערלאַנגט, גע־טראָפן דערשלאָגענע נכנעדיקע יידן, נישט באַוואָפנט אינערלעך מיט מאָראַלישן ווידערשטאַנד. יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונ־גאַרן האָבן נישט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן, האָבן שטילשווייגנדיק אַריבערגעטראָגן די נירענבערגער געזעצן, די טאָג־טעגלעכע שיקאַ־נעס, פּייניקונגען און בזיונות. אויב ס'האָט זיך געפונען אַ מאַן וואָס האָט אין פּאַריזש, ווי הערשקע לעקערט בשעתו אין ווילנע, געשאָסן אַ נאַציישן סאַטראַפּ, אַלס פּראָטעסט קעגן די פיזישע און מאָראַלישע

באליידיקונגען וואָס נאַציס האָבן געטון צו יידן, איז עס געווען אַ יונגער בחור פון מ ז ר ח ־ א י י ר אָ פּ ע — הערשל גרינשפּאַן — געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין אויף אַלע אייביקייטן!

דעם שונא איז דעריבער זייער לייכט אָנגעקומען צו נישט צו מאַכן, אוועקצורויבן ביי די דאָזיקע יידן אין דייטשלאַנד און שכנות׳־דיקע לענדער נישט נאָר זייערע מאַטעריעלע פאַרמעגנס נאָר אויך די גרויסע גייסטיקע דערגרייכונגען און שאַפונגען, וואָס עטלעכע דורות רייכע און געבילדעטע יידן האָבן געשאַפן אַלס צושטייער צו דער דיי־טשישער קולטור.

אין מזרח־אייראָפּע דאַקעגן — באַזונדערס אין פּוילן און ליטע — האָט דער בעסטיאַלישער שונא פּלוצלינג זיך דערזען פּנים אל פּנים מיט אַן אָרגאַניזירטן, דיסציפּלינירטן, נאַציאָנאַלן יידישן קאָלעקטיוו, וואָס ווייסט זיין ווערט, וועלכער איז גרייט צו קעמפן און פּאַרטיי־דיקן זיין מ ע נ ט ש ל ע כ ע און נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע תשיבות.

איז דאָך דער יידישער ישוב אין פּוילן געווען דער עלטסטער און ל ע נ ג ס ט ע ר אין צ י י ט, אין מזרח־אייראָפּע; טויזנט יאָר האָבן יידן דאָרטן געבויט, געשאַפן און געשטאַלטעט זייער אייגן נאַ־ציאָנאַל לעבן.

יאָרהונדערטער איז פּוילן געווען אַ מקום־תורה — אַ צענטער פאַר יידישקייט; פון דאָרטן האָט זיך צעשטראַלט דאָס ליכט פון תורה דורך די פיל גאונים, לומדים, רבנים און רביאים; אויך די גרויסע מענגע — די מאַסע האָט געלעבט אַ יידיש לעבן. ס׳איז אויפגעקומען אַן אייגענאַרטיקער לעבנסשטייגער, וואָס איז דורך יעדן ווייטערדיקן דור פאַרשטאַרקט, באַרייכערט און פאַרפעסטיקט געוואָרן. יידן האָבן געלעבט י י ד י ש נישט נאָר שבת און יום־טוב נייערט אין אַלע טעג פון דער גראָער וואָך. יידן האָבן זיך געפירט יידיש פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אין אַלע זייערע טואונגען, אין דער היים און אין גאַס. דאָס טעגלעכע לעבן, וואָס איז זייער אָפט געווען אַ ביי־טערער געראַנגל פאַר נאַקעטער עקזיסטענץ, איז בסדר געשטאַרקט און געגנערט געוואָרן מיט העכערע מאָראַליש־עטישע עיקרים און דאַג־מעס; רבנים, רביאים און מגידים האָבן טאָג־אויס און טאָג־איין, גע־צונדן די האָפנונגען פון דער אָרעמער מאַסע, געשפּייזט זיי מיט דברי אלהים חיים — מיט הייליקע רייד, פון די גרויסע יידישע לערערס, העלדישע טאַטן פון יידן מקדשי־השם, מיט שאַרפזיניקע המצאות, ווערטלעך און הלצות. דאָס אַלץ האָט פאַרלייכטערט, אינערלעך גע־

שטאַרקט און רייכער געמאַכט די נ ש מ ה פון דעם אויסער־לעכן ד־אָרעמען ייד.

אויף דעמדאָזיקן זאַפטיק־יידישן באָדן זענען עס אויפגעקומען די היינטצייטיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען. דער דאָזיקער באָדן האָט עס אַרויסגעבראַכט און גענערט די מדריכים, לע־רערס, שרייבערס און קעמפּערס פון די לעצטע עטלעכע דורות.

די סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און פּאַרטייען האָבן רע־וואָלוציאָניזירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן; ס'איז געקומען צום פּולן באַוווסטזיין דער יידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטער, בעל־מלאכה און די גאַנצע האַרעפּאַשנע מאַסע, וועלכע האָבן מוטיק געקעמפט פאַר זייערע מענטשלעך־נאַציאָנאַלע רעכט.

די נייע מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע קולטור האָט זיך פּרעכ־טיק צעבליט און מיט די שענסטע פאַרבן באַשיינט דאָס יידישע לעבן.

פאַר אונזערע אויגן ממש איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אַ נ י י ע ר ד ו ר, שטאָלץ אויף זיין יידישן אָפּשטאַם, פול־באַוווסט פון זיין ראָל אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גלייכהייט און נאַציאָנא־לער באַפרייאונג. אין די יידיש־וועלטלעכע שולן איז די דאָזיקע יו־גענט דערצויגן געוואָרן אויף די דערהויבנסטע יידיש־מענטשלעכע אידעאַלן און אין פולער גרייטקייט איינצושטעלן זיך פאַר די דאָזיקע אידעאַלן, ביז מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן, פאַר דעם כבוד פון מענטש און חשיבות פון אייגענעם פאָלק.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דאָס דריי און אַ האַלב־מיליאָניקע יידנטום אין פּוילן געברויזט און שימערירט פיל־קאָלירק; דאָס איז געווען אַ הויך־אַנטוויקעלטער קאָלעקטיוו, וואָס, הגם דיפערענצירט און אין שטענדיקן אידעאישן געראַנגל, האָבן אָבער אַ ל ע צ ו ז א מ ע ן געזאָרגט, יעדער אויף זיין שטייגער, צו שטאַר־קען דעם נאַציאָנאַלן קיום פון פאָלק.

די נאַצישע חילות וואָס האָבן באַצווינגען פּוילן, האָבן, באַלד אין די ערשטע וואָכן, באַגריפן, אַז זייער שונא נומער איינס — די יידן דאָ — זענען גאָר, גאָר פון אַן אַנדער שניט און כאַראַקטער. די נאַצישע בעסטיע האָט זיך דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ, וואָס איז מאָראַליש־גייסטיק געווען אַ מ אָ נ אָ ל י ט — אַ מעכטיקער פעלז, וועלכן מ'קען מיט געוויינלעכע שיקאַנעס, רדיפות און פייניגונגען נישט בייקומען. פון די אויגן פון יעדן ייד אין פּוילן האָט דער פרעכער

נאַצי אַרויסגעלייענט אַ ים פון פאַראַכטונג און מאַראַלישע העכערקייט לגבי אים.

איך קען נישט פאַרגעסן אַ בילד פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווייזט אַ באַנדע מונדירטע נאַצישע בעסטיעס איזדיעקעווען זיך, תוזקן אָפּ פון אַ גרופּע יידן מיט בערד און פאות. אויף דעמדאָזיקן בילד זעט מען אַ ייד, ווען מען אַ היטלער־אָפיציר שניידט מיט אכזריות זיין באָרד. מ'זעט נאָר אוייג דעם יידס, אָבער גאָט, מיין גאָט! וויפיל טראַציקייט, וויפיל טויזנטיאָריקע קשה־עורפדיקייט, וויפיל אינערלעכער שטאָלץ עס דריקט אויס דאָס דאָזיקע אויג! אָ, אַזעלכע אויגן פאַרפאָלגן! זייער קוק קען מען נישט פאַרטראָגן, זיי לאָזן זיך נישט פאַרגעסן!

פון אונטער די שמאַטעס און טראַנטעס וואָס האָבן באַדעקט די אויסגעמאַרעטע, אויסגעדאַרטע קרענקלעכע יידישע גופים האָבן אַרויסגעלויכטן הויכע, געליייטערטע נשמות, וואָס האָבן געצויגן קראַפט און יניקה פון נישט־ערדישע ספערעס.

אַזאַ באַוווסטזיניק־שטאָלצע יידישע געמיינשאַפט האָבן די נאַצישע מערדער באַגעגנט ס'ערשטע מאָל. זיי האָבן דעריבער אוועקגעזעצט ספּעציעלע שטאַבן „וויסנשאַפטלער" אויסצואַרבעטן עקסטרעמע מאָס־מיטלען אין דעם קאַמף מיטן אייגנאַרטיקן יידישן קעגנער און דער פסק איז געפאַלן — כליה! טאָטאַלע פאַרניכטונג! אָפּווישן דאָס פּוילישע יידנטום פון פנים פון דער ערד!

און אַזוי האָט זיך דער אוממענטשלעך־גרויליקער קאַמף אָנגעהויבן. אַלע, ממש אַלע יידן האָבן זיך אין דער מלחמת־מצוה באַטייליקט. מ'טאָר עס נישט פאַרזעען, מ'דאַרף עס אויף דעם קלאָרסטן אופן אַרויסברענגען, אַז די פיל־מיליאָניקע יידישע עדה, וואָס איז כלומרשט פאַסיוו אומגעקומען, איז נישט ווייניקער העלדיש געווען — בלויז מיט זייער עקשנותדיקן קלאַמערן זיך אָן לעבן, — ווי די אַקטיווע קעמפער. יעדער טאָג לעבן פון אַ יידן אין געטאָ איז געווען אַן אַקט פון קדושה וגבורה! ס'איז געווען אין דעם אַן אַקעגנשטעלן זיך דעם ציל פון שונא — פאַרניכטונג. די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע שטילע ווידערשטאַנדן האָבן גענערט און גערייפט די טעג און וואָכן פון אָפּענעם העראָאישן קאַמף.

בפרט נאָך, אַז דער אמת איז, אַז די גאַנצע דריטהאַלבן יאָר

ביזן 19טן אפּריל 1943 האָבן די אונטערערדישע קעמפער, טאָג־אויס און טאָג־איין, אונטערמינירט דעם פיינטס פּאָזיציעס, גערופן און גע־מוטיקט דורכצוהאַלטן און אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם שונא אויף כּל־ערליי אופנים. די טעג פון 19טן אפּריל ביז סוף מאַי 1943 זענען גע־ווען דער ק ו ל מ ו נ א צ י ע־פּונקט פון דעם שמשון־הגבורדיקן פּאַרמעסט קעגן די היינטצייטיקע פלשתּים.

די עפּאָפּייע פון דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ וועט נאָך לאַנג מוזן וואַרטן געשריבן צו ווערן. עס מוז נאָך זאָרג־פעלטיק געזאַמלט ווערן אַלע פּרטים, סיי פון די יאָרן ב י ז ן אויפ־שטאַנד, ווי אויך פון די טעג און וואָכן פון פ ל א מ י ק ן ג ע פ ע כ ט!

לאָמיר זיך דערמאָנען יענער צייט. ס׳איז אפּריל 1943. גאַנץ אייראָפּע כמעט — די באַלטישע לענדער, סקאַנדינאַוויע, די באַלקאַני־שע לענדער, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, קאַווקאַז און שטיקער פון צענטראַל־רוסלאַנד אַזש ביז דער וואָלגע — זענען פאַרפלייצט פון די היטלערישע האָרדעס. איינס נאָך איינס האָבן זיך אונטערגעגעבן לענדער און פעלקער און שטילשווייגנדיק, אין גע־פאַלנקייט, געשלעפּט אויף זיך דעם יאָך פון די נאַצישע אָקופּאַנטן. די שטימונג אין דער וועלט איז דאַן געווען, אַז היטלער איז א ו מ ב א־ז י ג ב א ר. אַז עס איז כמעט נישט מעגלעך קיין ווידערשטאַנד קעגן דעם געפּאַנצערטן היטלערישן מאָנסטער!

אָט אין ד ע ר צייט האָט עס אויפגעפלאַמט דאָס קאַמף־פייער אין דער וואַרשעווער געטאָ! אַ קליין ה י י פ ע ל ע איז אויפגעשטאַ־נען, אומבאַוואָפנט כמעט, קעגן דעמדאָזיקן ברוטאַלן, אין אייזן און שטאָל געשיצטן, מערדער.

מיטן שכל איז עס נישט משיג צו זיין פון וואַנען ס׳האָט זיך גע־נומען צו די דאָזיקע בחורים און מיידלעך אַזויפיל שטאָלענער ווילן אַזאַ געוואָגטן פּאַרמעסט צו ריזיקירן.

ס׳איז אָנצונעמען, אַז, ערגעץ אין ה י נ ט ע ר ב א ו ו ו ס ט־ז י י ן, האָבן גערופן און גערעדט צו זיי די לעגענדאַרישע געשטאַל־טען פון דעם ווייטן יידישן אַמאָל: יצחק פון דער עקידה, חנניה מישאל ועזריה פון קאַלך־אויוון, דניאל פון לייבן־גרוב, שמשונס געבריל ביים צעטרייסלען די פלישתּימשע פעסטונג־זיילן; ס׳האָבן אָפּגעקלונגען אין זייערע אויערן די קאַמפּס־רופן פון די חשמונאישע און בר־כוכבאשע

קריגער; ס'האָט זיך דערטראָגן צו זיי די געוואַגטקייט פון די העלדן אין די באַלאַגערטע פעסטונגען מסדה און ביתר. ס'איז פיליכט פאַר זייערע גייסטיקע אויגן געקומען די גרויליקע פיינען פון די עשרה הרוגי־מלכות; די געשענדעטע יידישע קהלות בעת די קרייץ־צוגן. פון די שפּאַנישע אינקוויזיציע־קעלערן און אויטאָ־דאַ־פעס האָבן זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן דער א ח ד פון לעצטן שמע־ישראל פון די געפּייניקטע און פאַרברענטע יידן. דייטלעכער און לעבעדיקער האָבן געריעדט צו זיי די גבורי־ישראל פון די קאַמפן אין נעמיראָוו און טולטשין בעת דער מערדערישער אויסראָטונג פון חמיל און גאָנטע. היינטצייטיקע ווירקלעכקייט איז זיכער פאַר זיי געווען די מוטיקע אייג־שטעלעניש פון די זעלבסטשוץ־גרופּן קעגן די צאַרישע און פּעטלו־רישע פּאָגראָמען. ס'איז אָבער בלתי ספק, אַז דער אקט פון דעם גרעסטן ה י י ל י ק ס ט ן יידן אין אונזערע טעג — א ר ט ו ר ז י ־ ג ע ל ב ו י ם , — וואָס האָט זיך פרייוויליק, אייגנהענטיק געברענגט אַלס קרבן־עולה, אין פּראָטעסט קעגן דער שאַנד פון דער וועלט און מענטש, אָ ט ־ ד ע ר אַקט פון העכסטער קדושה וגבורה האָט געוועקט אין זיי, אין די געטאָ־העלדן, די פאַרבאָרגענסטע גייסטיק־מאָראַלישע כוחות. דאָס איז געווען ז י י ע ר ש ט א ר ק ס ט ע כ ל י ־ ז י י ן א י ן ד ע מ ד א ָ ז י ק ן נ י ש ט ־ ג ל י י כ ן ק א ַ מ ף .

דערמאָנט זיך — די וועלט האָט באַוואונדערט, געשטאַנען פאַר־גאַפטע מיט אָפענע מיילער, פאַר דעם וואונדער סטאַלינגראַד. אין סטאַ־לינגראַד אָבער האָבן זיך געשלאָגן צ ו ו י י א ר מ י י ע ן , די סטאַלינגראַדער העלדן האָבן געהאַט הינטער זיך אַ ריזיק לאַנד אויף צוריקטריט; זיי צו הילף איז געשטאַנען נישט נאָר גאַנץ רוסלאַנד — צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן — נאָר אויך די מעכטיקע כוחות פון ענגלאַנד און אמעריקע. די גאַנצע וועלט האָט ממש מיטגעאָטעמט אין דעמדאָזיקן זעלטענעם מיליטערישן געפעכט.

אונזערע בחורים און מיידלעך אין וואַרשעווער געטאָ אָבער, זענען געווען אַ פּ ג ע ש נ י ט ע ן און א י ז א ָ ל י ר ט פון דער גאַנצער וועלט — פאַרשפּאַרט אין לעכער און שפּאַלטן, — אָן אויס־קוק, נישט נאָר אויף הילף פון דרויסן, נאָר נאָך באַגלייט מיט אָפענער שנאה און חוזק פון די שכנים־פּאָליאַקן, וואָס האָבן, צוקוקנדיג זיך פון יענער זייט געטאָ־מויער, זיך געקוויקט ווי „די זשידקעס סמאַזשען זיך" אין די געטאָ־פלאַמען. קיין צוריק איז נישט געווען. די יידן אין דער פרייער וועלט האָבן ווייניק־וואָס געוווסט וואָס אין די געטאָס

קומט פאַר און אויך נישט געהאַט די מינדעסטע מעגלעכקייט הילף זיי צו דערלאַנגען.

איז דווקא אַ ט ־ ד י ד אַ ז י ק ע שוואכסטע גרופע, דאָס קליי־נע הייפעלע האָט, די ע ר ש ט ע אין דער וועלט, זיך פאַרמאָסטן קעגן דער נאַציישער אכזריות. די געטאָ־אויפשטענדער האָבן מיטן פולסטן באַוווּסטזיין געריפן צו דער וועלט און גאַנץ באַזונדערס צו אונז יידן, אַז מ׳זאָל קיינמאָל נישט שלום מאַכן מיט דער פאַרדאַרבנקייט און רשעות, וואָס קען אויסהאָדעווען אַזאַ פּרעכע פאַרזעעניש ווי נאַציזם. זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַרן כבוד פון מ ע נ ט ש ל ע כ ן מ י ן, פאַר דער ווירדע פון יידישן פאָלק. דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז נישט נאָר געווען דער סיגנאַל און קאַמפּס־רוף פאַר די אויפ־שטאַנדן אין די געטאָס פון ביאַליסטאָק, ווילנע, בענדין א אנ״ד. נאָר אויך געוועקט אַ נ ד ע ר ע פ ע ל ק ע ר צו פּרואוון און וואַגן!

דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן אין וואַרשע, אין אויגוסט 1944; די בונטן און אָפענע קאַמפן פון די פראַנצויזן, בעלגיער, האָ־לענדער, נאָרוועגיער, יוגאָסלאַוון זענען זיכער געמוטיקט געוואָרן דורך דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ.

די העלדן פון דער וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס האָבן מ אָ ־ ר אַ ל י ש באַזיגט דעם מעכטיגסטן פיינט! ס׳איז געווען די ערשטע און מיאוסטע מפּלה, וואָס היטלעריזם און נאַציזם האָבן געליטן פון יידן. י י ד י ש ע מ אָ ר אַ ל יידישער ג י י ס ט ה אָ ט מ נ צ ח געווען!

אמת, דאָס אַלץ איז אַ קנאַפּע טרייסט לגבי דעם בלוטיקן פּרייז, וואָס מיר האָבן געצאָלט — זעקס מיליאָן נפשות! דערצו איז ווירק־לעך קיין טרייסט נישט פאַראַן. און נישט צוליב ברענגען נחמה הייב איך אַרויס דעם פאַקט פון מאָראַלישן נצחון. איך טו עס דערפאַר, ווייל ס׳איז אונזער חוב צו לערנען, פון די דאָזיקע גרויזאַמע יאָרן, ווי אַזוי צו פירן זיך ווייטער אַלס פאָלק, אַלס קרובים, אַלס אָנגעהעריקע פון די דאָזיקע קדושים וטהורים, פון די ש ט י ל ע און אַ ק ט י ו ו ע העלדן פון יידישן פאָלק.

דער מוסר־השכל איז, אַז דער אור־אור־אַלטער ק י ד ו ש ־ ה ש ם, די פעאיקייט און גרייטקייט איינצושטעלן זיך, מ ק ר י ב צו זיין זיך פאַר הייליקייטן, פאַר א י ד ע אַ ל ן, וואָס מיר קענען אַזוי גוט

פון אונזער מאַרטירער־געשיכטע, האָט אויך אין אונזער צייט זיך ארויסגעוויזן פאַר דעם שטאַרקסטן שוץ־פּאַנצער פאַר דער נשמה פון יידישן פאָלק.

מיט דער אור־אַלטער יידישער עקשנות לאָמיר דעריבער פאַר־בלייבן דאָס, וואָס מיר זענען, דאָס, וואָס דער געשיכטלעכער שיקזאַל האָט אונז אָנגעצייכנט.

מיר, די אָפּשטאַמיקע פון דורות גלויביק־הייליקע יידן, מוזן, אויף אונזער דרך, מיט אונזערע מיטלען, ערלעך האלטן דאָס געלייטערטע דערהויבענע יידישע וואָרט; זיין די ווירדיקע טרעגער פון די אלט־יידישע אידעאלן פון „באחרית הימים״, ווען ס'וועט אראָפּנידערן דער יום שכלו טוב; דער אייביקער שבת אויף דער וועלט, ווען מענטש און וועלט וועלן קריגן אַ פולן תיקון!

ס'איז דעריבער דאָס געבאָט פון דער צייט, פאַר יעדן ייד ביחידות און אוודאי פארן גאנצן כלל, אָפּצוהיטן און הייליק צו האלטן די גייסטיקע ירושה פון די אומגעקומענע. און נישט נאָר אויפּהיטן די ירושה נאָר ארויסבאקומען פון זיך, פון דער טיף פון יידישן פאָלקס־לעבן ארויסכישופן נייע שעפערישע פּאָטענצן; אריינוועבן עפּעס נייעס, אייגנאַרטיקס פון אונזער דור אין דעם רייכן פּילפּאַר־ביקן יידישן קולטור־געוועב. ס'איז אונזער חוב קלאָר צו מאַכן פאַר די אומוויסנדע, אז זייער יחידישע אויסלייזונג און די גאולה פון פאָלק איז נאָר מעגלעך דורך דירעקטן אנטייל אין קאמף פאַר יושר, גערעכטיקייט און פרידן. קיינמאָל נישט שלום מאַכן מיט רשעות, אכזריות פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען.

די פלאַמען פון די געטאָס און שייטער־הויפנס זאָלן פאַרוואַנ־דלט ווערן אין אַ מין עמוד־האש, וואָס זאָל אונז ווייזן דעם ריכטיקן וועג, וואָס פירט צו קיום האומה, אויפצוהאלטן, אויף דורות פאָרויס, יידיש פאָלק און יידיש גייסטיק שאַפן.

מיר מוזן די פּיין און ביטערניש פאַרוואַנדלען אין קוואַלן וואָס זאָלן נערן אונזער עקשנות, אונזער צו להכעיס די שונאים פון אַלע צייטן, ווייטער צו לעבן אויף אונזער אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן שטייגער. מיט פאַרפילפאַכטער ענערגיע פאָרזעצן דעם שאפונג־פּראָצעס פון יידישע גייסטיקע ווערטן; פון טראָגן ווייטער, אין דער וועלט דעם

פאקל פון ליכט, פון מאָראַל, פון גערעכטיקייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן, פאַר דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף!

אונזער הײַנטצײַטיקע ייִדישע קולטור מוז דעריבער וואָס טיפער זיך פאַרוואָרצלען אין דעם ייִדישן לעבן. זי וועט אונז דינען ווי אַ גײַסטיקער פאַנצער אין דעם ווײַטערדיקן גערַאנגל פאַר נאַציאָנאַלן קיום און גאולה. צוזאַמען מיטן גרויסן דיכטער אונזערן, ה. לייוויק, רופן מיר אויס:

— מיר שטייען אויף ווידער
און גייען אַוועק ווײַטער . . .

ווײַטער — אין צײַט, צו דער ליכטיקער צוקונפט, אין פולסטן גלויבן, אַז אין לעצטן ענדגילטיקן וועלט־געפעכט, וועלן צדק און משפט, יושר און שלום זײַן די מנצחים, די זיגער!

זאָג זשע דעריבער קיינמאָל נישט, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!



ISBN:0-657-04364-8